פראָסט און פשוט

# בריוו און צייט־פּראָבלעמען

פון יעקב גלאַטשטיין

טערעסאַנטען זשורנאַל. איך האָב דעם „יוגענטרוף" אַ טשעפּע געטאָן און געפרעגט, פאַרוואָס די יונגע מיטגלידער דעמאָנסטרירען נישט עפענטליך, אומעטום ווי דאָס אידישע לשון ווערט באַליידיגט און ספּעציעל ביי גרויסע פאָלק־פאַרזאַמלונגען, וואו אידיש ווערט באַהאַנדעלט ערגער פון אַ שטיף־קינד. דער „יוגענטרוף" האָט מיר געענטפערט מיט אַ לענגערען בריוו און אויפגעקלערט זיינע טעטיגקייטען. איך בין אַלץ נישט מסכים מיט די דאָזיגע וואוילע יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס טוען, אין תוך, גוטע אַרבעט, ווייל איך האַלט, אַז ס'וואָלט געמאַכט אַן איינדרוק אויף דער גלייכגילטיגער עפענטליכקייט, ווען זיי וואָלטען טאַקע געקומען אין דער עפענטליכקייט און אויסגעדריקט זייער פּראָטעסט קעגען באַליידיגען אידיש. אָבער דעם בריוו פון „יוגענטרוף" פאַרעפענטליך איך מיט פאַרגעניגען. מען מעג און מען דאַרף וויסען וואָס די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע טוט און וואָס זי וויל אויפטאָן.

דעם 3טען אָקטאָבער, 1965.

„חשוב'ער חבר גלאַטשטיין:

„יוגענטרוף" איז אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס איר ציל איז צו פאַראייניגען די אידישע יוגענט דורכ'ן אידישן לשון. אין אונזער פּרינציפּען־דערקלערונג (י"ר נומער 2) וועט איר געפינען די וויטערדיגע פּונקטען: „אַ מיטגליד פון „יוגענטרוף" דאַרף אַרבעטען אויף זיך... דאַרף רעדען אידיש מיט דעם וואָס קען אידיש... דאַרף זיך לערנען אין אידישע לערן־אינסטיטוציעס... דאַרף לייענען אידישע צייטונגען און ביכער, ניט איין מאָל אין אַ יובל, לשם דעמאָנסטראַציע, נאָר סיסטעמאַטיש, ווי אַ טייל פון זיין טאָג־טעגליכען לעבען... דאַרף נעמען אַן אַקטיווען אָנטייל אין אידישע אָרגאַניזאַציעס..." פאַר אונז איז דער עיקר אַז מיר זאָלען זיך אַליין אַנטוויקלען, אַז מיר זאָלען צוציען פרעמדע יוגענטליכע און זיי אויסלערנען אידיש און אין זיי פאַרפלאַנצען אַ ליבשאַפט צום אידישען פאָלק.

„ביים ערשטען יערליכען צוזאַמענפאָר האָבען מיר באַרירט די פראַגע פון פּראָפּאַגאַנדע. מיר זיינען געקומען צום אויספיר, אַז „פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיך איז גאָרניט". מיר האָבען באַשלאָסען, אַז אין דעם פערטעל־יאָר שריפט אונזערען זאָל זיין וואָס ווייניגער פּראָפּאַגאַנדע און וואָס מער בעלעטריסטיק. דאָס וואָס מיר דרוקען אַ ליטעראַרישען שריפט אויף אידיש, וואָס מיר, דער דריטער דור, פאַרטיפען זיך אין אידישע קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען, וואָס מיר רעדען אידיש צווישען זיך, וואָס מיר לייענען און שרייבען אידיש—דאָס אַליין איז די בעסטע פּראָפּאַגאַנדע. מיט אונזער אייגענעם ביישפּיל ווילען מיר אויסשרייען צו דער וועלט: אידיש לעבט, און מיר, די יוגענט, לעבט מיט אידיש אויף די ליפּען!

„און כאָטש אויף אונזער סדר היום האָבען מיר ניט קיין מאַסען־דעמאָנסטראַציעס און קיין עפענטליכע פּראָטעסטען, הייסט דאָס ניט, אַז מיר זיצען שטיל אין אונזערע ווינקעלעך. פאַרקערט, מיר שרייען יאָ גוואַלד, מיר פּראָטעסטירען יאָ. מיר פּראָטעסטירען וואָס מען לערנט ניט קיין אידיש אין די ניו־יאָרקער מיטעל־שולען. מיר פּראָטעסטירען וואָס אידישע צייטונגען, זשורנאַלען, און בכלל אידישע אָרגאַניזאַציעס קריגען ניט קיין סובסידיעס פון די גרויסע אידישע פאָנדען בעת ענגליש־אידישע קריגען מיליאָנען דאָלאַרען. ניט נאָר פּראָטעסטירען מיר קעגען די דאָזיגע עוולות, נאָר מיר זוכן בסדר מיטלען זיי

## די יוגנט רעדט

און איצטער האָט דאָס וואָרט אונזער יוגענט. ווי מיר ווייסען, עקזיסטירט אַ יוגענט אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט זיך „יוגענטרוף" און גיט אַרויס אַ פּערטעל־יאָר שריפט, אונטער דעם זעלביגען נאָמען. עס איז שוין דערשינען דער דריטער נומער פון דעם אינ־

איר ציל איז צו פאַראייניגען די אידישע יוגענט דורכ'ן אידישן לשון. אין אונזער פּרינציפּען־דערקלע־רונג (י"ר נומער 2) וועט איר געפינען די ווייטער־דיגע פונקטען: „אַ מיטגליד פון „יוגענטרוף" דאַרף אַרבעטען אויף זיך... דאַרף רעדען אידיש מיט דעם וואָס קען אידיש... דאַרף זיך לערנען אין אידישע לערן־אינסטיטוציעס... דאַרף לייענען אידישע צייטונגען און ביכער, ניט איין מאָל אין אַ יובל, לשם דעמאָנסטראַציע, נאָר סיסטעמאַטיש, ווי אַ טייל פון זיין טאָג־טעגליכען לעבען... דאַרף נעמען אַן אַקטי־ווען אָנטייל אין אידישע אָרגאַניזאַציעס..." פאַר אונז איז דער עיקר אַז מיר זאָלען זיך אַליין אַנטוויקלען, אַז מיר זאָלען צוציען פרעמדע יוגענטליכע און זיי אויסלערנען אידיש און אין זיי פאַרפלאַנצען אַ ליב־שאַפט צום אידישען פאָלק.

„ביים ערשטען יערליכען צוזאַמענפאָר האָבען מיר באַרירט די פראַגע פון פּראָפּאַגאַנדע. מיר זיינען געקומען צום אויספיר, אַז „פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיך איז גאָרניט". מיר האָבען באַשלאָסען, אַז אין דעם פערטעל־יאָר שריפט אונזערען זאָל זיין וואָס ווייניגער פּראָפּאַגאַנדע און וואָס מער בעלעטריסטיק. דאָס וואָס מיר דרוקען אַ ליטעראַרישען שריפט אויף אידיש, וואָס מיר, דער דריטער דור, פאַרטיפען זיך אין אידישע קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע פּראָב־לעמען, וואָס מיר רעדען אידיש צווישען זיך, וואָס מיר לייענען און שרייבען אידיש—דאָס אַליין איז די בעסטע פּראָפּאַגאַנדע. מיט אונזער אייגענעם ביי־שפּיל ווילען מיר אויסשרייען צו דער וועלט: אידיש לעבט, און מיר, די יוגענט, לעבט מיט אידיש אויף די ליפּען!

„און כאָטש אויף אונזער סדר היום האָבען מיר ניט קיין מאַסען־דעמאָנסטראַציעס און קיין עפענט־ליכע פּראָטעסטען, הייסט דאָס ניט, אַז מיר זיצען שטיל אין אונזערע ווינקעלעך. פאַרקערט, מיר שרייען יאָ גוואַלד, מיר פּראָטעסטירען יאָ. מיר פּראָטעסטי־רען וואָס מען לערנט ניט קיין אידיש אין די ניו־יאָר־קער מיטעל־שולען. מיר פּראָטעסטירען וואָס אידישע צייטונגען, זשורנאַלען, און בכלל אידישע אָרגאַני־זאַציעס קריגען ניט קיין סובסידיעס פון די גרויסע אידישע פאָנדען בעת ענגליש־אידישע קריגען מיל־אָ־נען דאָלאַרען. ניט נאָר פּראָטעסטירען מיר קעגען די דאָזיגע עוולות, נאָר מיר זוכען כסדר מיטלען זיי צו פאַרריכטען.

„ווי אַ יוגענט באַוועגונג קומען מיר אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע אידישע יוגענט־גרופּעס. זעהר אָפט קומט צו רייד וועגען אידיש און וועגען דעם קיום פון אידיש אין גלות. ס'איז קלאָר, אַז מיר פאַרטיי־דיגען אונזער לשון הקודשים. אין פערטען נומער „יוגענטרוף" ווערט באַשריבען גענוי ווי מיר פירען „פּראָפּאַגאַנדע" אין אַזעלכע פאַלען. דערצו האָבען מיר אין פּלאַן צו פאַרשפּרייטען 25,000 עקזעמפּליאַ־רען פון אַן ענגלישער בראָשור וועגען אידיש.

„געוויס האָט זיך אונזער אַרבעט נאָר אָנגעהויבען. געוויס טוען מיר ניט גענוג. זיכער קען מען האָבען טענות צו אונז—ווייל קיין אָרגאַניזאַציע איז ניט פּערפעקט. אָבער צופיל פאָדערונג איז אויך ניט גוט. איר טאָרט זיך ניט פאַרלאָזען אינגאַנצען אויף אונז. שיין וואָלטען מיר אויסגעזען, ווען אַלע קולטור־טוער זיינען מפסיק זייער אַרבעט ווייל—דער „יוגענטרוף" וועט איבערנעמען. מיר מוזען צוזאַמען אַרבעטען. אונזער כוח מוז זיין פאַראייניגט. דער עלטערער דור איז ווייט ניט אויסגעשעפּט. דער אינגערער דור איז נאָך ניט גרייט איבערצונעמען.

אַלדאָס גוטס,

דוד־הירש ראָסקעס,
פאַר'ן „יוגענטרוף"

## צווייטער יערלעכער צוזאַמענפאָר פון יוגנטרוף

מאָנטיק, דעם 26טן דעצעמבער, 1965, 10:30 בייטאָג, עפנט זיך דער צווייטער יערלעכער צוזאַמענפאָר פון יוגנט־רוף — אידישע יוגנט פאַר אידיש. ביי דער אינדערפרי־זיצונג וועט מען הערן באַריכטן פון דער רעדאַקציע, פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע און פון די אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אָפּטיילונגען פון די קאָמיטעטן אין ניו־יאָרק, טאָראָנטאָ, מאָנטרעאָל און פילאַדעלפיע, ווי אויך אַ באַריכט פונעם אַלוועלטלעכן אויספיר־קאָמיטעט פון יוגנטרוף.

ביי דער נאָכמיטאָג־סעסיע וועלן אויפטרעטן רעדנער און באַגריסער און מען וועט דיסקוטירן די ווייטערדיקע אַרבעטס־פּלענער. אַלע פאַראינטערעסירטע, בפרט יוגנטלעכע, זיינען פאַרבעטן צו קומען.